ב"ה. שיחת ש"פ בלק ה'תשכ"ג.

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

א. אין היינטיקע הפטרה

– וואס דער ענין פון הפטרה איז ווי עס טייטשן די ספרים וועלכע פארטייטשן פירוש המלות, אז הפטרה מיינט מלשון סיום וחותם, דער אפשלוס פון אן ענין, אזוי ווי "אין מפטירין אחר הפסח", וואס דעריבער איז די הפטרה דער זעלבער ענין ותוכן פון סיום הסדרה. איז בכדי צו פארשטיין דעם תוכן פון סיום הסדרה וועט מען עס פארשטיין פון תוכן ההפטרה, וואס אין היינטיקע הפטרה זאגט ער –

"והי' שארית יעקב בקרב עמים רבים גו' אשר לא יקוה לאיש ולא ייחל לבני אדם", וואס דאס רעדט זיך בנוגע דעם זמן פון התחלת הגאולה, ניט אין דעם זמן ווען עס וועט שוין זיין משיח ודאי, נאך דעם וואס ער וועט פארענדיקן אלע מלחמות, און "אז אהפוך גו' לעבדו שכם אחד", נאר עס רעדט זיך דא וועגן א זמן פון התחלת הגאולה, ווען עס וועט נאך דארפן זיין די מלחמות מיט או"ה, און ווי ער זאגט ווייטער אין דער הפטרה אז אידן וועלן זיין "כארי' בבהמות יער",

און ניט נאר עס וועט זיין דער רע שמבחוץ, פון או"ה, נאר עס וועט זיין אויך דער רע שמבפנים, ביי אידן גופא, ווי ער זאגט ווייטער "והכרתי כשפים מידך ומעוננים לא יהיו לך", אז עס וועט נאך זיין אויך ביי אידן רע, און מען וועט דארפן אנקומען צום סיוע שלמעלה – "והכרתי", אויף אראפנעמען דעם רע, און פונדעסטוועגן איז אפילו אין יענעם זמן וועט זיין דער סדר – "לא יקוה לאיש ולא ייחל לבני אדם", אז מען וועט ניט דארפן אנקומען און האפן אויף מענטשן, ניט אויף ניט אידן און אפילו ניט אויף אידן, און ווי ער זאגט "ברוך הגבר אשר יבטח בהוי'", און דעם היפך פון "ברוך" אויף דעם וואס "יבטח באדם", איז דאך "יבטח באדם" מיינט מען דערמיט אויך אידן, ווארום "אתם קרויים אדם".

און דאס איז אויך דער ענטפער אויף דעם וואס מען פרעגט אויף דעם ענין וואס עס איז בימינו אלה, אז וויבאלד אז ס'איז ניט דער סדר פון "לא יקוה גו'", נאר מען האפט און מען דארף אנקומען צו מענטשן, און אפילו צו או"ה, איז דאך דאס אליין א קלארע ראי' אז ס'איז ניט קיין אתחלתא דגאולה, מען געפינט זיך נאך אין גלות, ואדרבה, ס'איז נאך א גלות וחושך כפול ומכופל,

פארוואס נאך עפעס כפול ומכופל – ווייל בשעת מען ווייס אז מען געפינט זיך אין גלות, טוט מען כל ההשתדלות אויף ארויסגיין פון גלות. בשעת מען נארט זיך אבער און מען מיינט אז ס'איז אתחלתא דגאולה, איז אפילו אז ס'איז נאר אתחלתא, איז עס אן ענין פון עליות אין דער גאולה גופא, איז עס אין אן אופן פון מהיכי תיתי, און מען טוט ניט אט די השתדלות וואס מען דארף אויף ארויסגיין פון גלות.

ב. אעפ"י אז דער פסוק "לא יקוה גו'" רעדט דאך וועגן דעם זמן פון אתחלתא דגאולה איז אבער מצד דעם וואס כל הגילויים דלעתיד תלויים בעבודתינו עכשיו, איז דאך א ראי' אז אויך איצטער, כל אחד ואחד בעבודתו הפרטית, דארף זיין דער סדר הנהגה פון "לא יקוה לאיש ולא ייחל לבני אדם".

ס'איז ניט קיין סתירה צו דעם וואס עס שטייט "וברכך הו"א בכל אשר תעשה", און "הנהג בהם מנהג דרך ארץ", וואס דאס דארף נאך זיין עפ"י סדר הנהגת הטבע, ביז אז תורה אליין פסק'נט אפ אז "אין סומכין על הנס", און עפ"י טבע דארף ער דאך אנקומען צו מענטשן, צו אידן און אפילו צו ניט אידן, מוז ער דאך לכאורה האפן אויף זיי, און פונדעסטוועגן איז עס קיין סתירה ניט, ווייל אמת טאקע אז מען דארף טאן עפ"י סדר הטבע, איז אבער אין דערויף גופא קען זיין צוויי אופנים:

א) איין אופן איז אז ער טוט עפ"י טבע, ווייל טבע פארנעמט ביי אים טאקע אן ארט. ער האלט אז טבע איז טאקע א בעה"ב אויף ארויסהעלפן אים אין זיינע ענינים.

ב) א צווייטער אופן איז, אז מיט טבע רעכנט ער זיך גארניט, עס פארנעמט

ביי אים קיין ארט ניט. ער פארלאזט זיך נאר אויפן אויבערשטן, נאר אזוי ווי דער אויבערשטער האט אים אנגעזאגט "בכל אשר תעשה" און "אין סומכין על הנס", במילא טוט ער בעניני הטבע, צוליב אויספירן דעם רצון הבורא. ובמילא איז כאטש ער טוט בעניני הטבע און מיט מענטשן, איז ביחד עם זה איז עס ביי אים אן ענין פון "לא יקוה לאיש ולא ייחל לבני אדם", ער פארלאזט זיך ניט און האפט ניט אויפן איש מיט די בני אדם, נאר אויפן אויבערשטן.

וואס דאס איז דאך אויך וואס עס שטייט "והי' אמונת עתך גו'" וארז"ל "אמונת זה סדר זרעים", און די שייכות פון "אמונת" מיט "זרעים" איז "שמאמין בחי העולמים וזורע", זריעה איז א ענין טבעי אז בשעת מען זייט איז מצמיח, און ס'איז אין דעם קיין נפק"מ ניט צי עס זייט א איד צי א ניט איד להבדיל, און אפילו אויב עס פאלט א קערנדל פון זיך אליין - דאס וואס די וועלט רופט אן בדרך מקרה - שלא ע"י פעולת אדם, איז בטבע מצמיח, און אין די צמיחה איז תלוי דער חיות האדם.

איז בשעת מען וויל אויסדריקן וואס הייסט אמונה פון אידן זאגט מען "שמאמין בחי העולמים וזורע", אז אפילו בשעת עס רעדט זיך וועגן זריעה, וואס דאס איז לכאורה לגמרי אן ענין טבעי, ער זאגט אז פאראיארן האט געוואקסט און פאר צוויי יארן, אזוי איז עס מדי שנה בשנה, תורה אליין זאגט אויף דעם "לא ישבותו" אז ס'איז אן ענין וואס איז נטבע געווארן בטבע הבריאה, פונדעסטוועגן, איז פארוואס איז ער זורע, ניט מצד דעם וואס ער פארלאזט זיך אויף טבע, נאר מצד דעם וואס ער איז "מאמין בחי העולמים", אין דעם וואס ער איז מחי' את כל העולמות, און איבער דער אמונה איז ער זורע.

איי נאך וואס דארף ער דא אנקומען צו אמונה בחי העולמים, ער זעט דאך ווי עפ"י טבע איז מצמיח, איז קוקט ער אויף די טבע אז ס'איז ניט מער ווי א נסיון, אויף אויספרואוון אים ער זאל דערפון כלל ניט נתפעל ווערן און ניט רעכענען זיך דערמיט, נאר עס זאל ביי אים זיין דער "מאמין בחי העולמים".

ג. דער חילוק צווישן די צוויי הנהגות הנ"ל, צי ער טוט בעניני הטבע ווייל ער האלט טאקע פון טבע, צי מערניט מצד דעם וואס אזוי האט דער אויבערשטער געהייסן, איז עס א חילוק ניט נאר בנוגע הרגש מדת הבטחון, נאר אויך בנוגע די הנהגה בפועל במחדו"מ.

בשעת אז דער "בכל אשר תעשה" איז ביי אים א מציאות פאר זיך, ווייל טבע איז ביי אים תופס מקום, ובמילא איז דער "בכל אשר תעשה" מיט תומ"צ זיינען ביי אים צוויי באזונדערע ענינים, איז עס אין אן אופן פון "ולאום מלאום יאמץ", אזוי ווי עס קען דאך זיין א סתירה צווישן די ביידע ענינים, עפ"י תורה דארף זיין דער סדר אז מען דארף דאווענען תפלה בצבור, נאכן דאווענען דארף מען האבן א קביעות עתים לתורה כמארז"ל מביהכ"נ לביהמ"ד, און אזוי אויך דארף ער געבן צדקה בריבוי, מעשר אדער חומש מן המובחר, און עפ"י טבע קאן ער דאך מאכן אחשבון אז מצד האריכות בתפלה ותורה וועט ער אנווערן באקאנטשאפט כו', און אזוי אויך בנוגע צדקה, איז אז ער וועט געבן צדקה בריבוי, וועט אים פעלן געלט אויף אריינלייגן אין געשעפט וכו', איז בשעת אז טבע מיט תומ"צ זיינען ביי אים צוויי באזונדערע ענינים איז א סדר פון "ולאום מלאום יאמץ". לפעמים איז ביי אים די התגברות פון תומ"צ ולפעמים קען זיין דער היפך.

משא"כ ווען דער גאנצער ענין פון "בכל אשר תעשה" איז ניט ווייל טבע איז ביי אים תופס מקום, ער פארלאזט זיך נאר אויפן אויבערשטן, נאר אזוי ווי דער אויבערשטער הייסט "בכל אשר תעשה", איז "אין סומכין על הנס", דארף ער אויספאלגן דעם ציווי הבורא, אזוי ווי ער דארף אויספאלגן די אנדערע ציוויים, בנוגע תפלה ותורה כו', איז וויבאלד אז דאס איז ביי אים אן ענין פון עבודת ה', איז דאך ניט שייך אז איין מצוה זאל זיין א סתירה צו א צווייטע מצוה, אדרבה, "מצוה גוררת מצוה".



הנחה פרטית בלתי מוגה

און דאס איז אויך וואס עס שטייט "הוי מושכי העון בחבלי השוא כעבותות העגלה", אז די התחלה איז פון א חוט השערה, וכמאמר רז"ל "היום אומר לו עשה כך", מלכתחילה קומט ניט דער יצה"ר צו א אידן זאגן אים ער זאל עובר זיין א איסור, ווארום דער יצה"ר ווייס אז בשעת ער וועט זאגן א אידן ער זאל עובר זיין אויפן רצון העליון, וועט ער אים זיכער ניט פאלגן. נאר "אומר לו עשה כך", ער הייבט אים אן איינרעדן ווי טבע איז א מציאות, און ער איז אים נאך מסביר אז אזוי איז עפ"י תורה, תורה אליין פסק'נט דאך אפ "הנהג בהם מנהג דרך ארץ", און "אין סומכין על הנס", און בשעת אז ער מאכט אים אויף טבע פאר א מציאות, איז פון דעם קען ער אים שוין שפעטער איינריידן צו עובר זיין אויף א איסור, ווארום וויבאלד אז טבע מיט תומ"צ זיינען ביי אים צוויי עניינים איז "ולאום מלאום יאמץ" כנ"ל.

און די איינציקע וועג צו באווארענען זיך שלא ליכשל באיסור דארף זיין דער "מעשיך" מיטן "דרכיך", איז אבער "וכל מעשיך לשם שמים" און "בכל דרכיך דעהו", און דער "לשם שמים" מיטן "דעהו" דארף זיין ניט קיין הוספה אויפן "מעשיך" מיטן "דרכיך", נאר דער גאנצער "מעשיך" מיטן "דרכיך" דארף זיין בלויז ווייל אזוי איז דער רצון הבורא, כנ"ל.

ד. כאמור לעיל, אז די הפטרה איז דער זעלבער תוכן פון סיום הסדרה. אין היינטיקע סדרה זאגט ער "דרך כוכב מיעקב גו'", וואס דאס גייט אויף משיח'ן. און אעפ"י אז ער זאגט "אראנו ולא עתה אשורנו ולא קרוב", איז ער דאך אבער ניט מגביל וויפל איז דער "ולא עתה" און דער "ולא קרוב", און אלמלא גרם החטא וואלט די כניסה לא"י געווען א גאולה שלימה (חסר קצת ההמשך: כמו כוכב נקודה קטנה ואח"כ מתפשט).

איז אויף דעם איז ער מסביר אין דער הפטרה, דער סדר ווי מען קומט צו דער גאולה העתידה - דורך די עבודה פון "לא יקוה לאיש ולא ייחל לבני אדם". ווארום בגאולה העתידה וועט דאך דארפן נתבטל ווערן ניט נאר דער העלם והסתר פון גקה"ט - דבר איסור, נאר אויך פון קליפת נוגה - העלם הטבע און שיקוע בדברים המותרים, איז די הכנה והקדמה לזה - "לא יקוה לאיש ולא ייחל לבנ"א".

און דאס איז אויך דער אנזאג בפ' בלק קודם הכניסה לארץ ישראל, אז כשם ווי זייענדיק אין מדבר, וואס דארטן איז געווען מן "לחם מן השמים", און מ'האט געזען במוחש ווי "ולא העדיף המרבה והממעיט לא החסיר", אז פעולות בני אדם קענען גארניט העלפן, נאר עס דארף זיין דער בטחון הגמור בהשי"ת, די זעלבע זאך דארף זיין אויך בכניסה לא"י, וואס דארטן איז געווארן א סדר עפ"י טבע, אז אעפ"כ זאל אויך דארטן זיין דער סדר פון "לא יקוה גו'", מען זאל וויסן אז טבע איז ניט קיין מציאות לעצמה כנ"ל.

וכאמור אז דאס איז די הקדמה לגאולה העתידה, וואס ס'איז דאך שוין "הנה זה עומד אחר כתלנו", און ווי דער רבי האט געזאגט און ארויסגעלאזן דעם נוסח, אז עס ברענען שוין די גלות ווענט. מאנט זיך איצטער די עבודה פון "לא יקוה גו'", וואס דאס ברענגט די גאולה פרטית ביי זיך, ווארום בשעת אז ער טוט אין דעם "בכל אשר תעשה", צוליב אויספירן דעם רצון הבורא, איז ער ניט טרוד אין דעם ואין נוגע לו כ"כ צי ער איז מצליח באופן ממוצע און מרווח דוקא, ווארום אים איז דאך נוגע מערניט ווייל אזוי איז דער ציווי התורה, און מכ"ש אז בשבת איז ער אינגאנצן באפרייט פון מחשבות וטרדות המבלבלות כו', און די גאולה פרטית ברענגט צו די גאולה הכללית, ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים.

ו. בסיום פרשת בלק דערציילט ער וועגן מס"נ דפנחס, וואס מצד דעם האט מען אים געגעבן "ברית כהונת עולם", ואמרו רז"ל שראוי הי' בית פעור כו' און מס"נ דפנחס איז מכפר אויף דעם. נאך א לשון איז דא, ניט נאר ראוי נאר אז טאקע בפועל איז עס אזוי, עד שאיתא הלשון בתוס' אז ניט נאר וואס דאס איז אן עון נמשך שנשאר מזה רושם, אלא שבכל שנה ושנה איז דער עון עולה ומקטרג, וע"י מס"נ דפנחס ווערט

הנחה פרטית בלתי מוגה

עס נתכפר, שזהו ג"כ מה שנקבר משה מול בית פעור כדי לכפר כו' וואס פון משה'ן איז דאך ארויסגעקומען דער מס"נ דפנחס, שמשה אמר לפנחס "קריינא דאיגרתא איהו להוי פרונקא".

וצריך להבין וואס איז אזוי דער חומר פון דעם עון דפעור שעולה ומקטרג תמיד, וואס צווישן די אלע עשר נסיונות שבמדבר, געפינט מען ניט אויף קיין עון ער זאל זיך ציען שטענדיק, אזוי ווי דער עון פון פעור. איז חאטש טאקע אז מען לערנט עס אפ פון דעם וואס עס שטייט "ברית כהונת עולם", אז ס'איז א שטענדיקע זאך, איז דאס אבער נאר א ביאור בנוגע פנחס'ן, אז מ'האט אים געגעבן שכר מדה כנגד מדה, אז צוליב זיין מס"נ זאל ביי אים זיין א שטענדיקע זאך, וואס איז אבער דער ביאור בנוגע דעם חטא פון פעור, מיט וואס איז ער אנדערש פון די אנדערע חטאים ?

דער עון פעור איז געווען נאך דעם וואס "ויתמו כל אנשי הדור היוצאים ממצרים", וואס דערפון איז מובן, אז דער עון פעור איז ניט פארבונדן מיטן דור ועניין המדבר, נאר מיט די כניסה לארץ, וואס דערפאר איז עס געווען נאך דעם וואס "ויתמו" דער דור המדבר און ס'איז געווען דעמולט נאר דער דור שנכנסו לארץ.

וואס איז דער ענין פון פעור - נפנה ומשתחוה. אין א מאכל איז פאראן תענוג, ס'איז אבער מעורב פון טוב ופסולת, איז המובחר שבהמאכל נעשה דם ובשר כבשרו והפסולת נדחה לחוץ, ועון פעור הוא שמשתחוה ומרכין את ראשו, וואס ראש דאס איז העכער מכל אברי הגוף, איז מיט דעם ראש איז ער משתחוה צו אזא זאך, וואס אפילו חלק היותר תחתון שבגוף, קען עס ניט סובל זיין ודוחהו לחוץ.

פון וואנעט קומט ענין פעור באופן חומרי, איז עס ווי אלע ענינים וואס עס הייבט זיך אן פון אן אופן דק יותר, פונקט ווי במאכל, איז אזוי בכל הענינים אז תענוג בבחי' תחתונה איז פסולת לגבי תענוג העליון ממנו.

ובדוגמא באדם: א גדול א בר שכל, זיין תענוג איז בענינים רוחניים, שכל, מדות טובות וכו', משא"כ א תינוק איז אין די אלע זאכן, שכל, מדות טובות, ביז אפילו בקול ערב - אין לו תענוג, זיין תענוג איז צו שפילן זיך מיט בלאטע.

ועד"ז בכללות ההשתל', ידוע שישנם מלאכים הנק' קרבים שמבררים את השפע. שהמובחר הוא באצי' והפסולת מזה בבי"ע, וכן בבי"ע גופא ישנם כמה בירורים עד שהפסולת דעשי' הרוחנית נעשה תענוג בגשמיות בק"נ, והפסולת מזה, תענוג דגקה"ט.

איז בשעת מען ליגט און מושקע בענינים הגשמיים, שכללותם הם פסולת של תענוג שלמעלה, הו"ע עון פעור, שמשתחוה, ער נעמט זיין קאפ - ניט אין אן אופן פון "לא יקוה גו'", אז ער טוט עס נאר צוליב דורכפירן את הציווי, וואס דעמולט איז ער ניט מושקע אין דעם כנ"ל, נאר ער איז משקיע בזה את שכלו ומדותיו - און משתחוה לפסולת.

וואלט ער געלעגן אין שכל, וואלט דאך דאס אויף אים גע'פועל'ט ער זאל ניט זיין מושקע אין גשמיות. ווארום מצד השכל איז דאך "הסתכל בשלשה דברים וכו'", ועניננו של האדם איז דאך וואס ער איז א בר שכל, און אין דעם דארף ער ליגן, וזה צריך להיות התענוג שלו, און בפועל איז זיין געשמאק גאר אזוי ווי בא א קינד וואס שפילט זיך מיט בלאטע. ער האלט זיך טאקע פאר א אדם גדול, ניט פאר א קינד, ער האלט אז ער איז א בר שכל נעלה וכו', אבער דאס גופא נוצט ער אויס על ענינים של פסולת, שסובר דלהיותו בר שכל וכו' ראוי לו אז ער זאל טאן דעם און דעם מסחר וכדומה.

וואס דאס אלץ רעדט מען מצד מעלת השכל בכלל. ובפרט נאך מצד דעם וואס ער איז א איד און האט א נפש האלקית, דארף דאך זיין תענוג בתומ"צ ובאלקות, וואס דאס איז א תענוג בלתי מוגבל, וכל תענוגי העולם, אפילו תענוגים היותר עליונים



הנחה פרטית בלתי מוגה

- שיחת ש"פ בלק ה'תשכ"ג - ה -

זיינען באין ערוך כלל לגבי דעם תענוג באלקות, ווארום גבול לגבי בלי גבול איז דאך באין ערוך כלל כידוע, ואעפ"כ, נעמט ער דעם תענוג זיינעם און נוצט אויס אויף גשמיות ופסולת, שזהו"ע פעור.

און אויף דערויף זאגט מען אז דער ענין פעור איז דא שטענדיג, כדאיתא בספר יהושע "לא טוהר", און אזוי זעט מען אויך במוחש, שאפילו אחרי הקדמת עבודת התפלה ואחרי העסק בתורה איז לאחר כל זה בשעת ער קומט צום עסק, ווערט ער מושקע אין דעם כו'.

ועפי"ז יובן ג"כ מה שענין פעור שייך להכניסה לא"י ולא למדבר. כי במדבר הי' מן "לחם מן השמים" כו', איז ניט געווען שייך אין דעם קיין טעות. ועי"ד שנתבאר (תוכן ענינים פ' שלח) בענין טענת המרגלים "כי חזק הוא ממנו" ואין בעה"ב יכול להוציא את כליו, אז בנוגע למדבר איז ניט געווען עלול אזא טעות, נאר בנוגע א"י האבן זיי גע'טענה'ט, אז ווייבאלד דער רצה"ע איז דאך אז מען זאל זיין אין וועלט, איז ממה נפשך, אויב וועלט איז וועלט, איז אלקות דארטן קיין בעה"ב ניט ח"ו.

וכמו"כ הוא גם בנוגע לפעור, אז במדבר ווען מען האט געזען ווי דער מן - ענינים רוחניים - אין בהם פסולת, און בשעת מען איז נכשל געווארן און געקויפט פון די תגרים - הי' בו פסולת, ואדרבה, עס מוז זיין אין דעם פסולת. הנה אז לא הי' מקום לטעות מען זאל פארבייטן רוחניות אויף גשמיות, משא"כ בכניסה לא"י דא איז שייך ענין פעור כו', וואס ווי געזאגט פריער, איז ער פאראן אויך איצטער.

און די עצה צו דעם איז מס"נ דפנחס, מצד טעם ודעת קען מען ניט דורכגיין, ווארום עפ"י שכל איז כשם ווי ס'איז דא א סברא, אזוי קאן קומען דער יצה"ר און טענה'ן פארקערט, אז ווייבאלד דער אויבערשטער אליין זאגט אז מען דארף טאן בטבע וכו', איז דאך דערמיט אליין האט ער אפגעגעבן טבע א מציאות ואין בעה"ב יכול להוציא כו'.

דעריבער מוז זיין די עבודה פון מס"נ למעלה מהטעם, וואס דאס איז מס"נ דפנחס, שנוסף על המס"נ בכלל, איז דאס גאר אן ענין פון אין מורין כן, און אעפ"כ איז פנחס ניט נתפעל געווארן דערפון כלל, איז מיט מס"נ קען מען זיך שטעלן קעגן די ע"ז פון פעור.

וזהו ג"כ מה שנקבר משה מול בית פעור בכדי לכפר, דמשה בכל אחד בנפשו הו"ע היר"ש שבו, יראה וקבלת עול למעלה מהשכל דוקא.

און דאס איז די הוראה וואס די תורה זאגט אן קודם הכניסה לא"י, וואס אלמלא חטאו וואלט זי געווען א גאולה שלימה, אז די הכנה צו די גאולה שלימה דארף זיין להטהר מענין פעור, און ווי גערעדט פריער באריכות שלא יהי' העלם הטבע, וואס דאס ברענגט די גאולה הפרטית שבכל אחד, וואס זי איז א הכנה וכלי לגאולה הכללית ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>